בס"ד

משפטים תשפ"ה

גליון 227

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

מיר האַלטן אַ שַׁבָּת נאָך קַבָּלַת הַתּוֹרָה. לעצטע וואָך האָבן מיר זוכה געווען צו באַקומען אַ נייע תּוֹרָה, די וואָך איז די תּוֹרָה מאַריך וועגן דער מַעֲמַד וואָס איז געווען ביים בַּארג סִינַי.

עס שטייט אין פָּסוּק כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע (שמות כד, ז)' אַז די אידן האָבן געענטפערט און געזאָגט קודם 'נַעֲשֶׂה' און נאָכדעם 'וְנִשְׁמָע'. ר' נָתָן שטעלט זיך אויף דעם פָּסוּק מיט אַ וואונדער, ווי אַזוי קען מען טון עפּעס פאַר מען הערט וואָס מען דאַרף טון? אַזוי ווי אַ טאַטע זאָגט פאַר זיין קינד: "ווילסט מיר פאָלגן וואָס איך גיי דיר יעצט בעטן?" און דאָס קינד זאָגט: "יאָ, איך גיי עס שוין מאַכן", נאָך פאַר דאָס קינד ווייסט בִּכְלָל וואָס ער דאַרף טון, וויאַזוי קען דאָס זיין? ר' נָתָן איז מַמְשִׁיךְ, אַז דער פָּסוּק לויבט אויס די אידן אַז זיי האָבן געענטפערט און גלייך געזאָגט נַעֲשֶׂה פאַר נִשְׁמַע, אָבער וויאַזוי קען מען זיך אויסמאַלן אין שֵׂכֶל אַזאַ זאַך? טון אַ זאַך פאַר מען הערט וואָס מען דאַרף טון.

ר' נָתָן איז מַסְבִּיר אַז דאָס איז די שיינקייט פון אידישע קינדער, די אידן האָבן געזאָגט אַז זיי ווילן נישט חוקר זיין מיט קיין שום חֲקִירוֹת די טַעַם פון די מִצְוֹת, זיי דאַרפן נישט פאַרשטיין, וואָס דער באַשעפער וועט זאָגן וועלן זיי טון אָן פאַרשטיין, אָן קיין שְׁאֵלוֹת און חֲקִירוֹת, נאָר נאָכן טון די מִצְוֹת קען מען זוכה זיין 'וְנִשְׁמָע', דאָס מיינט פאַרשטיין מיטן

הארץ! רש"י ברענגט אַראָפּ אַסאַך מָאל פון חֲזַ"ל אַז נִשְׁמַע מיינט 'שׁוֹמֵעַ אֲנִי' - איך פאַרשטיי", אידישע קינדער האָבן געזאָגט: "וואָס דער באַשעפער וועט הייסן וועלן מיר גלייך מאַכן, שפּעטער וְנִשְׁמָע - אַז מען וועט פאָלגן דעם אויבערשטנ'ס מִצְוֹת און מען וועט דאָס טון בְּשִׂמְחָה וועט מען זוכה זיין יעדער לויט זיינע דַּרְגוֹת צו שפּירן אַ טַעַם אין די מִצְוֹת.

דערפאַר האָבן די אידן באַקומען צוויי קרוינען, ווייל אַז מען איז זוכה צו טון די מִצְוֹת מיט שִׂמְחָה איז מען זוכה צו אַ קרוין איבערן קאָפּ! דאָס איז דער חילוק פון אַ איד ביז אַ גוי, אַ גוי מוז אַלעס פאַרשטיין מיט זיין שֵׂכֶל, יעדע מִצְוָה וואָס דער באַשעפער גיבט זיי, זענען זיי חוקר, זיי ווילן אַז דער אויבערשטער זאָל זיי מְגַלֶּה זיין אַלע טְעָמִים פון די מִצְוֹת וועלן זיי אֶפְשָׁר דעמאָלט איינהאַלטן די מִצְוֹת, אָבער די אידן מאַכן אַלע מִצְוֹת מיט אַ שִׂמְחָה. ווי ר' נָתָן שרייבט, 'זיכער אויב די גוים וואָלטן געזען די ליכטיגקייט פון די מִצְוֹת, ווי יעדע מִצְוָה שיינט אין אַלע וועלטן און דאָס איז העכער פון אַלע תַּעֲנוּגִים פון דער וועלט, העכער פון אַלע הַצְלָחוֹת און נאָך אַסאַך מער פון דעם, זיכער איז נישטאָ דער וואָס איז אַזאַ שׁוֹטֶה און טִפֵּשׁ וואָס וויל נישט באַקומען אַזאַ וואוילקייט, אַזאַ זיסקייט, אַזאַ נִצְחִיּוּת בִּפְרָט אַז מען קען קויפן די מִצְוֹת מיט אַפּאָר גראָשן, מיט עטליכע דאָלאַר



קען מען קויפן אַ בינטל ציצית פאַר אַ טלית, אָדער אַן אַנדערע מצוה וואס קאָסט ווייניג געלט.'

די גאַנצע וועלט קען נישט פאַרטראָגן די ליכטיגקייט וואס ליגט אין יעדע פּשוט'ע מצוה – וואס איז זייער דערהויבן און הויך, וואויל איז דער וואס איז זוכה צו מאַכן די מצוות מיט שמחה. אשרינו אַז מיר האָבן זוכה געווען צו אַזא אייביגע מתנה, מיר דאַרפן זאָגן ביים דאַווענען אינדערפרי דעם אשרינו מה טוב חלקינו מיט אַ געוואַלדיגע שמחה עד אין קץ ותכלית אַז מיר זענען זוכה צו גלייבן אין באַשעפער און אין זיין תורה, אין משה רבינו און אַלע צדיקי אמת, מיט די הייליגע אמונה דאַרפן מיר זיך פרייען, וועלן מיר זוכה זיין נאָכדעם יעדער לויט זיין דרגה צו קענען משיג זיין די מצוות ביז איר שורש.

בפרט יעצט קומען די טעג פון אדר וואס מען פאַרמערט מיט שמחה. זאָל השם יתברך העלפן מיר זאָלן זיך קענען באַנייען אינגאַנצן, זיך פרייען מיטן 'שלא עשני גוי' זיך פרייען מיט די 'נקודות טובות' דאָס איז די אמת'ע שמחה. דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז נאָך דאָס יאָר זאָל מען שוין קענען אינגאַנצן אויסמעקן דעם עמלק און זיך גרייטן צום פורים ווי עס דאַרף צו זיין.

לאָמיר זיך באַנייען מיט שמחה, עס זאָל שוין נתקיים ווערן דער פסוק 'ושמחת עולם על ראשם', גוט שבת

# לעובדא ולמעשה

## דער קראָסנער רב

אין אַמעריקע איז דאָרטן דאָ דער קראָסנער רב - רבי הלל ליכטענשטיין (ז"ל), ער איז געווען צוזאַמען מיט מיר אין דייטשלאַנד נאָכן קריג, ער האַלט פונעם רבי'נס זאַך - אָה! דעם רבי'נס זאַך איז ביי אים זייער חשוב!

מיר האָבן גערעדט אַסאַך מאָל דיבורים פון רבי'נס זאַך! אַזא מין מאַמין אין רבי'ן ווי ער איז, אַ געוואַלד!

ער האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ זיווג שני, זיין זיווג ראשון מיט די קינדער זענען בעבעך אומגעקומען ביי היטלער'ן. [נאָכדעם מיט די זיווג שני האָט זי מיטגעבראַכט עטליכע קינדער].

האָב איך געזען, ווי עס קומט דאָרט צו אים אַ אינגעלע און זאָגט מיט אַ געוויין: "טאַטע, זיידע, ער האָט מיך געשלאָגן". האָט ר' הלל געזאָגט צום קינד: " רעד נישט קיין לשון הרע , רעד נישט קיין לשון הרע, קום צו מיר - מיטן אַנדערן אינגל, וועלן ביידע רעדן און פאַרציילן גענוי די מעשה, דו אַליין דערצייל נישט!"



עס איז געווען אַ קליין אינגעלע.

האָב איך געזען עפּעס אַ מידה פון אַ אידן, דער אינגל דערציילט אים אַ מעשה אַז איינער האָט אים געשלאָגן, זאָגט ער אים: 'רעד נישט קיין לשון הרע, קום מיטן אַנדערן אינגל, איך וועל אייך ביידן אויסהערן, אַליין וויל איך נישט הערן!' ער איז געווען אַ גרויסער מאַמין אין רבי'ן זייער! (דערציילט דורך ר' לוי יצחק בענדער ז"ל)

# וואוּ אִיז יָאסֶעלֶע?

דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר אַרוּם 65 יָאר צוּרִיק, שְׁנַת תש"כ, דִי נַייעֶס הָאט גֶע'רַעשְׁ'ט, אַלֶע ווִינְקְלֶעך זֶענֶען גֶעוֶוען פִיל מִיט קוּפְּקֶעס מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַרוּמְגֶערֶעדְט אוּן אִיבֶּערְגֶעקַייט דִי נַייעֶס פוּן דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע פַּרְשָׁה וָואס קֶערְט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. פוּן אַלֶע צַייטוּנְגֶען אִיבֶּער דִי וֶועלְט הָאט אַרוּיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט גְרוֹיסֶע קִדוּשׁ לְבָנָה וֶוערְטֶער מִיט אַ גְרוֹיסֶע פְּרַאגֶע צֵייכְן: "וואוּ אִיז יָאסֶעלֶע??" וֶוען נֶעבְּן דֶעם זֶעט מֶען אַ בִּילְד פוּן אַ וואוּילֶער קְלֵיין אִינְגֶעלֶע מִיט קַאפְּל אוּן קְלֵיינֶע פֵּיאָה'לֶעך שְׁמֵייכְלְט זִיס, אַלֶע גַאסְן הָאבְּן גֶעשְׁטוּרֶעמְט אוּן גֶעפְּלוֹידֶערְט שְׁמוּעוֹת אוּן יְדִיעוֹת אִיבֶּער יָאסֶעלֶע, אֵיינֶער זָאגְט אַז עֶר אִיז דָארְט, דֶער צְוֵוייטֶער זָאגְט עֶר אִיז דָא, אִין בְּנֵי בְּרַק, יְרוּשָׁלַיִם, קוֹמְמִיוּת, אִין אַנְטְוֶוערְפְּן אוּן אֲפִילוּ אִין אַמֶערִיקֶע הָאבְּן שׁוֹין מֶענְטְשְׁן גֶעשׁוּשְׁקֶעט אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט...

וֶוער אִיז אָט דֶער פַארְלוֹירֶענֶער יָאסֶעלֶע וָואס יֶעדֶער זוּכְט אִים אַרוּם?

פַארְוָואס אִיז עֶר פַארְשְׁווּאוּנְדְן? אוּן וֶוער וִויל אִים טְרֶעפְן?

כְּדֵי דָאס צוּ עֶרְקְלֶערְן דַארְפְן מִיר צוּרִיק גֵיין מִיט עֶטְלִיכֶע יָארְן פְרִיעֶר....

* * *

אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אִין אוּמַאן שֶׁל מַעְלָה נָאךְ פַארְן קְרִיג אִיז גֶעוֶוען הָרַב הֶחָסִיד ר' נַחְמָן שְׁטְרַאקְס ז"ל אַ בְּרוּדֶער פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע חֲסִידִים פוּן רֶבִּין הָרַב הֶחָסִיד ר' נָחוּם שְׁטְרַאקְס, וָואס מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיךְ רוּפְן ר' נָחוּם שׁוּסְטֶער, עֶר הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ זַיין אֵייגֶענֶעם בְּרוּדֶער ר' נַחְמָן שׁוּסְטֶער. ר' נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ,



אִין אָנְפַאנְג אִיז עֶר גֶעוֶוען מֶער אַ מָאדֶערְנֶער בָּחוּר אוּן הָאט גֶעאַרְבֶּעט אִין אַ שׁוּסְטֶעֲרַיי אוּן וֵוינִיגֶער גֶעהַאט הַשָּׂגָה אִין לֶערְנֶען אוּן עֲבוֹדַת ה', אָבֶּער מִיט דִי צַייט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ מְקָרֵב זַיין צוּ ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן זַצַ"ל וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אִין אִים אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע הַנְהָגוֹת אַזוֹי וִוי ר' נַחְמָן הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַז דִי דִיבּוּרִים וָואס ר' אַבְרָהָם ז"ל הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אִין זַיין יוּגְנְט לִיגְט אִים נָאךְ בִּיזְן עֶלְטֶער אִין דִי בֵּיינֶער!

לַיידֶער הָאבְּן דִי קָאמוּנִיסְטְן אִין רוּסְלַאנְד פְּרָאבִּירְט מִיט אַלֶע וֶועגְן אוֹיסְצוּמֶעקְן דִי אִידִישְׁקַייט וֶוען אָפְּגֶעפָּארֶענֶע אִידְן פִירְן אָן דִי מַעֲרָכָה אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי אַלֶע אִידִישֶׁע יְסוֹדוֹת פוּן אִינֶעוֵוינִיג. רוֹב אִידְן נֶעבֶּער זֶענֶען פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן, אוֹיב אִיז דֶער טַאטֶע מַאמֶע נָאךְ גֶעוֶוען פֶעסְט אִין זֵייעֶר אִידִישְׁקַייט זֶענֶען אָבֶּער דִי קִינְדֶער פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן ווַייל דִי גֶעזֶעצְן הָאט בַּאצְווּאוּנְגֶען צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין דִי גוֹי'שֶׁע שׁוּלֶעס אַזוֹי אַז דִי יוּגְנְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְ'סַמְ'ט מִיט דִי טְרֵיפָה'נֶע הַשְׁקָפוֹת אוּן כְּפִירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלַן.

אִין דִי פִינְסְטֶערֶע טֶעג זֶענֶען דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אַ שַׁיין אִין דֶער טוּנְקְל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעהַאט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת גֶעהִיט דִי תּוֹרָה, יֶעדֶע הֲלָכָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה אָן קֵיין שׁוּם פְּשָׁרוֹת, נִישְׁט אָנְגֶערִירְט דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אוּן צוּגֶעדֶעקְט

די קָאפּ ווי די הֲלָכָה פאַרלאַנגט, געהיטן שַׁבָּת און יום טוֹב, שׁוֹפָר, כַּשְׁרוּת. יֶעדע אֵיינְצִיגע זַאךְ איז דַאן גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'ע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

ר' נַחְמָן שׁוּסְטֶער איז גֶעשְׁטַאנֶען ווי אַ מוֹיער, עֶר הָאט גֶעהִיט זַיינֶע קִינְדֶער און מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת פון די תּוֹרָה ווי ווייט מֶעגְלִיךְ, אָבֶער – מִיט דֶער צַייט הָאבְּן די רוסן גֶעזֶען אַז אַלֶע קְהִלּוֹת זֶענֶען שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צו גְרוּנְד נָאר עֶפֶּעס אִין אוּמַאן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים און אַבִּיסְל פון די חַבַּדְ'סְקֶער שְׁטֵייעֶן שְׁטַארְק און פֶעסְט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן די רוסן אוֹיסְפַּלַאנִירְט און אִין אֵיין תְּקוּפָה אַיינְגֶעזֶעצְט אִין אַ שְׁוֶוערֶע תְּפִיסָה אַכְט אִין צְוָואנְצִיג עֶרְלִיכֶע חֲסִידִים. אַ טוּרְמֶע אין רוּסְלַאנְד אִין יֶענֶע צַייט איז גֶעוֶוען ווי אוּרְטֵיילְן אַ מֶענְטְשׁ צוּם טוֹיט, רוֹב מָאל הָאט מֶען לֵיידֶער דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער נִישְׁט גֶעזֶען בַּיים לֶעבְן, טַאקֶע פון די אַכְט אִין צְוָואנְצִיג זֶענֶען רוֹב אוּמְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמוֹ אוֹיף קִדּוּשׁ ה' - ה' יִקּוֹם דָּמָם. אֵיינְצִיגֶע זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, זֵייעֶר קֶערְפֶּער צוּקְלַאפְּט און צֶעבְּרָאכְן אָבֶער זֵייעֶר גֵייסְט גַאנְץ און אוֹיפְגֶעלוּיכְטְן. לַאנְגֶע יָארְן אִין די בִּיטֶערֶע סִיבִּיר הָאט זֵיי נִישְׁט צוּגֶענוּמֶען די אֱמוּנָה, אֵיינֶער פון אָט די צוּרִיקְגֶעקוּמֶענֶע איז גֶעוֶוען ר' נַחְמָן שְׁטְרַאקְס.

אִין סִיבִּיר הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי בִּיטֶער און שְׁוֶוער אַז עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן פַאַרְלוֹירְן זַיינֶע שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת, דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט און נִישְׁט נָארְמַאלֶע בַּאוֶועגוּנְגֶען הָאט אוֹיךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר הָאט פַאַרְלוֹירְן זַיין זֶע-קְרַאפְט אוֹיף אֵיין אוֹיג. קוֹים מִיטְן לֶעבְּן אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּב וֶוען זַיין ווַייבּ קֶען אִים קוֹים דֶערְקֶענֶען, דִי שִׂמְחָה אַז דֶער טַאטֶע אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען אָן אַ גְרֶענִיץ, דִי מַאמֶע אִיז מֶער נִישְׁט קֵיין צֶעבְּרָאכֶענֶע עֲגוּנָה, דִי מִשְׁפָּחָה איז פַארְאֵייניִגט גֶעוָוארְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, אָבֶער אַזוֹי ווי ר' נַחְמָן איז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַז עֶטְלִיכֶע פון זַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ ווָאס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעאַרְבֶּעט זֵיי צו הִיטְן און מְחַנֵּךְ זַיין צו תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, זֶענֶען לֵיידֶער אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפָארְן פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר פון אַ טַאטֶע ווָאס טְרֶעפְט זִיךְ צוּרִיק מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אָבֶער זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווַייט פַארְקְרָאכְן, ווַייט פון תּוֹרָה, פון אֱמוּנָה. אָן קֵיין טַאטֶע ווָאס זָאל זַיין אִין שְׁטוּב צו הִיטְן אִיז גֶעוֶוען אוּמְמֶעגְלִיךְ פַאר דִי מַאמֶע אַלֵיין אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען דִי גַאנְצֶע גַאס שְׁלֶעפְּט און פַארְפִירְט דִי יוּנְגְוַואַרְג.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה




המשך פון די לעצטע זייט

אִים אַפִילוּ מְנִיעוֹת פון אַלֶע זַייטְן ווָאס שְׁטֶערְן און צֶעמִישְׁן אִים בִּיז עֶר קֶען עֶנְדְלִיךְ טוּן דָאס ווָאס עֶר ווִיל. פַארְווָאס איז דָאס אַזוֹי? ווַייל מְנִיעוֹת שְׁטַארְקְן גָאר שְׁטַארְק די רְצוֹנוֹת, און אַזוֹי וַואקְסְט דָאס חֵשֶׁק מֶער, עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹיט זִיךְ צו קֶענֶען מֶער שְׁטַארְקְן און גְלוּסְטְן צו זוֹכֶה זַיין צו פָארְן צוּם צַדִּיק אָדֶער זוֹכֶה זַיין צו לֶערְנֶען בֶּעסֶער, דַאוֶונֶען שֶׁענֶער.

מִיר ווֶעלְן גְלֵייבְּן אַז דִי מְנִיעוֹת ווֶערְן גֶעשִׁיקְט פון הִימְל אַלְס מַתָּנָה צו פַארְשְׁטֶערְקֶערְן אוּנְזֶער חֵשֶׁק, צו פַארְגְרֶעסֶערְן דֶעם רָצוֹן, צו קֶענֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען און מְקַיֵּים זַיין דָאס ווָאס מִיר גְלוּסְטְן און בֶּענְקֶען דֶערְצוּ.

(עַ"פּ ליקו"מ סו-ד)

# דִי ׳הֶענְג-לַייכְטֶער׳

מַעֲשֶׂה! – אֵיינֶער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, אַסַאךְ צַייט, בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!

אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט, אִיז עֶר [צוּרִיק] גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטְן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט דָארְט אַ גְרוֹיסְן פַאךְ – צוּ מַאכְן אַ ׳לַייכְטֶער וָואס הֶענְגְט׳! מְ׳רוּפְט דָאס: אַ ׳הֶענְג-לַייכְטֶער׳!

אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן: ״[אַז] מְ׳זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע פַאכְלַייט וָואס קֶענֶען דָאס מַאכְן! אוּן עֶר וֶועט זֵיי וַוייזְן זַיין חָכְמָה אִינֶעם דָאזִיגְן פַאךְ״!

אוּן זַיין טַאטֶע הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן – עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע פַאכְלַייט וָואס קֶענֶען דָאס מַאכְן – אַז זֵיי זָאלְן זֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין זוּהְן, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן, דוּרְכְאוֹיס דִי צַייט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!

אוּן דֶער זוּהְן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען ׳אֵיין לַייכְטֶער׳ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט! – אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְמִיאוּסְ׳ט אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן!

אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי, אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן: ״אַז זֵיי זָאלְן אִים מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֱמֶת״! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת: ״אַז דָאס אִיז זֵייעֶר מִיאוּס״!

אוּן דֶער זוּהְן הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶטְס הָאטְס דָאךְ גֶעזֶעהְן דָאס קְלוּגְשַׁאפְט פוּן מַיין פַאךְ״?!

הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעלָאזְט וִויסְן: ״אַז סְ׳זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס גוּט בַּיי קֵיינֶעם״!

הָאט אִים דֶער זוּהְן גֶעזָאגְט: אַדְרַבָּא! פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זֵיי בַּאוִויזְן מַיין ׳גְרוֹיסְקֵייט׳! – וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶע גֶעוִויזְן, זֵייעֶר ׳חִסָרוֹן׳! וַוייל אִינֶעם דָאזִיגְן ׳הֶענְג-לַייכְטֶער׳, גֶעפוּנֶען זִיךְ דִי ׳חֶסְרוֹנוֹת׳ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן דִי ׳דָאזִיגֶע פַאכְלַייט׳ וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָא!

גִיבּ נָאר אַ קוּק וֶועסְטוּ זֶעהְן: אַז בַּיי אֵיינֶעם, אִיז מִיאוּס דָאס ׳דָאזִיגְן שְׁטִיקְל׳! אָבֶער אַ ׳אַנְדֶערֶע שְׁטִיקְל׳, אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר שֵׁיין! – אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! נָאר אַדְרַבָּא! דָאס ׳דָאזִיגְן שְׁטִיקְל׳ וָואס אִיז מִיאוּס בַּיי זַיין חַבֶר – אִיז בַּיי אִים, שֵׁיין אוּן וואוּנְדֶערְלִיךְ אִין זַיינֶע אוֹיגְן! נָאר דָאס ׳דָאזִיגְן [אַנְדֶערְן] שְׁטִיקְל׳ אִיז בַּיי אִים מִיאוּס!

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע פוּן זֵיי: אַז דָאס וָואס סְ׳אִיז שְׁלֶעכְט בַּיי דֶעם, אִיז שֵׁיין בַּיי זַיין חַבֶר! – אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט!

אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט [צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט] דֶעם דָאזִיגְן ׳הֶענְג-לַייכְטֶער׳, בְּלוֹיז פוּן זֵייעֶרֶע ׳חֶסְרוֹנוֹת׳ אַלֵיין! – כְּדֵי דֶערְמִיט צוּ וַוייזְן פַאר זֵיי אַלֶע: אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת! אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ ׳חִסָרוֹן׳! – וַוייל וָואס סְ׳אִיז שֵׁיין אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אִיז אַ ׳חִסָרוֹן׳ בַּיי זַיין חַבֶר!

אָבֶער בֶּאֱמֶת – קֶען אִיךְ מַאכְן [אַ שְׁלֵימוּת׳דִיגֶע ׳הֶענְג-לַייכְטֶער׳] וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין [אָן קַיין שׁוּם חֶסְרוֹנוֹת]!

[זָאגְט רַבֵּינוּ זַ״ל]: אוֹיבּ מְ׳וָואלְט גֶעוואוּסְט אַלֶע ׳חֶסְרוֹנוֹת׳ אוּן ׳אָפְּהַאלְטוּנְג׳ [מְנִיעוֹת] פוּן אַ זַאךְ – וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט וִויסְן דִי ׳אֵייגְנְשַׁאפְט׳ פוּן דִי זַאךְ – אֲפִילוּ מְ׳הָאט דָאס קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן!

## ב – גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם

[פַּאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה – שְׁנַת תקס"ה]

(דֶער דָאזִיגֶער שִׂיחָה, בַּאלַאנְגְט צוּ 'סֵפֶר-הַמִּדּוֹת' (דַּעַת ח"ב א) – וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט וִויסְן: אַז צוּ אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן צוּ יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ" וְכוּ'! – עֶס זֶעהְט מִיר אוֹיס: אַז דָאס בַּאלַאנְגְט צוּם 'דָאזִיגְן שְׁמוּעֶס' וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן מוֹיל – פַּאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה שְׁנַת תקס"ה – פוּן דֶעם עִנְיָן וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן פוּן דִי וֶועלְט).

"גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַשֵּׁם". "גְרוֹיס זֶענֶען דִי וֶוערְק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"! – "אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גְּלַייךְ צוּם אַנְדֶערְן! אוּן אַלֶע צוּרוֹת [אוּן אַלֶע בִּילְדֶער, פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן], זֶענֶען גֶעוֶוען אִין 'אָדָם-הָרִאשׁוֹן'".

דָאס הֵייסְט: אַז אִין דָאס וָוארְט "[נַעֲשֶׂה] אָדָם" [בְּרֵאשִׁית א, כו] אַלֵיינְס, זֶענֶען גֶעוֶוען אַרַיינְגֶערֶעכְנְט דִי אַלֶע צוּרוֹת!

(אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן: "בְּהֵמָה וְחַיָּה" וְכוּ', וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי 'מַעֲשֵׂה-בְּרֵאשִׁית' – אִיז אִינֶעם דָאזִיגְן וָוארְט, אוֹיךְ אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אַלֶע גֶעשְׁטַאלְטְן פוּן יֶעדְן בְּהֵמָה אוּן חַיָּה).

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן [בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן]! – אַלֶע "מְאוֹרוֹת" [לֶעכְטִיגְקַייט – בַּאלַייכְטֶערְס], זֶענֶען גֶעוֶוען אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם וָוארְט "אוֹר" אַלֵיינְס! – אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן – דְּהַיְינוּ: אַלֶע 'מַעֲשֵׂה-בְּרֵאשִׁית'! – אוּן אֲפִילוּ דִי 'בְּלֶעטֶער פוּן אַ בּוֹים', אִיז נִישְׁט גְּלַייךְ, אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן!

אוּן עֶר [רַבֵּינוּ ז"ל] הָאט זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִינֶעם דָאזִיגְן זַאךְ! – אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: אַז סְ'אִיז פַּארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט [אַזֶעלְכֶע] 'חָכְמוֹת', וָואס מְ'קֶען לֶעבְּן מִיט דִי 'חָכְמוֹת' אַלֵיינְס, אָן קַיין שׁוּם עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען! – וַוייל אֲפִילוּ אוֹיף 'דֶער וֶועלְט' אִיז פַּארְהַאן 'וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן' אוּן 'הוֹיכֶע פָּארְכְטִיגֶע חָכְמוֹת', וָואס מְ'קֶען לֶעבְּן מִיט זֵיי [דִי דָאזִיגֶע חָכְמוֹת] אַלֵיינְס, אָן קַיין שׁוּם עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען!

אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן פָּארְכְטִיגֶע שְׁמוּעֶס. (אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן).

**א.** **מיט וועלכע פאך האט זיך דער זוהן בארימט אז ער האט עס געלערנט?**

- ❑ שוסטעריי
- ❑ שלייפן דימאנטן
- ❑ צו מאכן א הענג לייכטער

**ב.** **ווען האט דער טאטע געברענגט צו ווייזן די חכמה פון זיין זוהן?**

- ❑ די גאנצע מדינה
- ❑ אלע פאך לייט
- ❑ אלע פאכלייט פון די פאך מיט וואס דער זוהן האט זיך בארימט

**ג.** **איז זיי געפעלן דאס וואס דער זוהן האט געמאכט?**

- ❑ זיכער
- ❑ ס'איז פאר קיינעם נישט געפעלן
- ❑ פאר א טייל איז עס געפעלן און פאר א טייל נישט

**ד.** **וועלכע טייל איז זיי נישט געפעלן?**

- ❑ אלעס איז זיי געפעלן
- ❑ די גאנצע איז זיי נישט געפעלן
- ❑ פאר יעדעם האט נישט געפאלן א אנדערע חלק

**ה.** **ענדיג צו די ווערטער פון דעם רבי'ן – עס איז דא חכמות וואס מ'קען מיט זיי לעבן...**

- ❑ מיט ווייניג עסן און טרונקען
- ❑ מיט ווייניג שלאף
- ❑ אהן קיין עסן און טרונקען

טייערע קינדער מיר ווייסן אז יעדעס ווארט אין סיפורי מעשיות איז גאר גאר הייליג און אויסגערעכנט, דא אין די תשובות קענען מיר זען ווי דער רבי נוצט באזונדערע לשונות, יעדן טאג פון די שבע ברכות, אזוי אויך ביי יעדער בעטלער איז דא אן אנדערע ציגאנג צו די חתן כלה, נעם איין מינוט וועסטו זען וויאזוי דער הייליגער רבי פארציילט אונז די מעשה מיט אירע פרטי ופרטי פרטים.

# טיפער געטראכט

## תשובות אויף פאריגע וואך

הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָּה אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס השי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן – דער ערשטער טאג

ווידֶער דֶערְמַאנְט. אִין דֶעם אַנְדֶערִין בֶּעטְלֶער – **דעם צווייטן טאג**

הָאבִּין זִיךְ חָתָן כַּלָּה ווידֶער דֶערְמַאנְט – דעם דריטן טאג

הָאבִּין זֵיי זִיךְ ווידֶער דֶערְמַאנְט – **דעם פערדן טאג**

הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם בֶּעטְלֶער - דעם פיפטן טאג

דֶעם ... טָאג. זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען - דעם פיפטן טאג

דֶעם ... טָאג זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵילִיךְ גִיוֶוען – **דעם זעקסטן טאג**

אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט – דער ערשטער טאג

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט – **דעם צוויטן טאג**

אוּן הָאבִּין גִיוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט – דעם דריטן טאג

אוּן הָאבִּין גִיבֶּענְקְט וְכוּ' – **דעם פערדן טאג**

אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט - דער פיפטן טאג

אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם דָאזִיגְן וָואס – **דעם זעקסטן טאג**

וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד – דער ערשטער טאג

וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶה גִיוֶוען – **דעם צווייטן טאג**

וָוארִין אַז עֶר זָאל דָא זַיין וָואלְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען - דעם פיפטן טאג

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה – דער ערשטער טאג

אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט – **דעם צווייטן טאג**

אוּן זָאגְט. אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט – דעם דריטן טאג

אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא וְכוּ' – **דעם פערדן טאג**

אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵי גִיהַאלְזְט אוּן גִיקוּשְׁט - דעם פיפטן טאג

אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה... אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט – **דעם זעקסטן טאג**

אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִשַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי ...ווִי אִיךְ – דער ערשטער טאג

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ אַז אִיר זָאלְט לֶעבִּין – **דעם צווייטן טאג**

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִשַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ – דעם דריטן טאג

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִשַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ – **דעם פערדן טאג**

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ [אַייךְ] דְרָשָׁה גִשַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ - דעם פיפטן טאג

בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִשַׁאנְק – דער ערשטער טאג

בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִשַׁאנְק – **דעם צווייטן טאג**

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִשַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ – דער ערשטער טאג

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה מַיין חַיִים טוֹבִים – **דעם צווייטן טאג**

אִיז דָארְט גִיוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען – דער ערשטער טאג

אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארְן – **דעם צוויטן טאג**

אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַ הִילוּא גִיטָאן – דעם דריטן טאג

אַז זֵיי הָאבִּין גוֹמֵר גִיוֶוען דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְנָאךְ אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט – דעם דריטן טאג

אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה זֵייעֶר – **דעם פערדן טאג**

אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה - דער פיפטן טאג

אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארִין – **דעם זעקסטן טאג**

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 15 איז הילד**
**החשוב נחמן קורנבליט ****6728**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## מניעות פארוואס?

קוּמְט דֶער מְלַמֵּד אַרײַן אִין כִּתָּה מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרוֹינֶע פִּשְׁקֶע. דִי אוֹיגְן פוּן דִי קִינְדֶער עֶפֶענֶען זִיךְ מִיט נַייגֶער, זֵיי פְּרוּאְוון פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס לִיגְט דָארְט פַארְשְׁטֶעקְט. חֶזְקִי זָאגְט, עֶס זֶעט אוֹיס אַז סְ'אִיז בְּלֶעטֶער צוּ מַאלֶעוֶוען דִי הַיינְטִיגֶע פַּרְשָׁה. גֶערְשִׁי זָאגְט, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי בְּלֶעטֶער, וַוייל יֶעדֶע וָואךְ בַּאקוּמֶען זֵיי בִּילְדֶער אוּן סְ'קוּמְט נִישְׁט אִין קַיין פִּשְׁקֶע. רְאוּבֵן טַעֲנָה'ט עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אִיבֶּערַאשׁוּנְג.

בֶּענְצִי טְרַאכְט הוֹיךְ אוּן זָאגְט, אֶפְשָׁר אִיז דָאס מַתָּנוֹת...

דֶער מְלַמֵּד זֶעט זֵייעֶר ווּאוּנְדֶער אוּן רוּפְט אוֹיס אַז דָאס זֶענֶען מַתָּנוֹת וָואס דִי מְצַטְיְנִים אִינֶעם 'בְּרָכוֹת בְּקוֹל' פַּארְמֶעסְט וֶועלְן בַּאקוּמֶען.

דֶער רֶבִּי עֶפְנְט אוֹיף דִי פִּשְׁקֶע, עֶר דְרֵייט זִיךְ שְׁנֶעל אַרוּם צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער אוּן זָאגְט: "אִיךְ וַוייז עֶנְק אֵיינְמָאל דִי מַתָּנָה, דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס פַארְמַאכְט בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דֶעם פַּארְמֶעסְט".

דִי קִינְדֶער עֶפֶענֶען בְּרֵייט דִי אוֹיגְן אוּן כַאפְּן אַ טִיפֶע בְּלִיק צוּ זֶען וֶועלְכֶע מַתָּנָה דֶער רֶבִּי גֵייט זֵיי שֶׁענְקֶען. דֶער רֶבִּי דְרֵייט זִיךְ שְׁנֶעל אַרוּם צְווִישְׁן זֵיי, דִי קִינְדֶער זֶעעֶן קְלֵיינֶע פִּשְׁקֶעלֶעךְ פוּן גָאר טַייעֶרֶע קָאלִירְטֶע פֶּענֶעס... דִי פִּשְׁקֶע גֵייט צוּרִיק אִין מְלַמֵּד'ס שַׁאפֶע מֶער וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט זֶען בִּיז'ן עֶנְדֶע פוּנֶעם פַּארְמֶעסְט. דִי קִינְדֶער וַוארְטְן מִיט שְׁפַּאנוּנְג וֶוען וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וֶוען זֵיי וֶועלְן פוּנְקְטְלִיךְ קֶענֶען זֶען וָואסְפַארַא טַייעֶרֶע מַתָּנָה דָאס אִיז, וְויאַזוֹי זֶעט עֶס אוֹיס? וִוי גְרוֹיס? וֶועלְכֶע קָאלִיר? אָבֶער יֶעצְט אִיז דִי שַׁאפֶע פַארְמַאכְט, זֵיי דַארְפְן זִיצְן אוּן וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דִי צַייט וֶועט קוּמֶען.

דִי טֶעג פוּנֶעם פַּארְמֶעסְט קָאכְט זִיךְ וִוי אַ קֶעסְל, דִי קִינְדֶער רֶעדְן אִיבֶּער דִי מַתָּנָה זֵיי וַוארְטְן אוּן קוּקְן שְׁטַארְק אוֹיס עֶס צוּ בַּאקוּמֶען. בַּיים עֶנְדֶע פוּנֶעם פַּארְמֶעסְט הָאבְּן אַלֶע בַּאקוּמֶען דִי אוֹיסְגֶעוַוארְטֶעטֶע מַתָּנָה אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן אַזוֹי לַאנְג גֶעוַוארְט...



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מְנִיעוֹת וָואס וֶוערְט גֶעשִׁיקְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ דִירֶעקְטֶע בַּאדַייט, דָאס וֶוערְט גֶעשִׁיקְט מִיט אַ צִיל: צוּ שְׁטַארְקְן דֶעם חֵשֶׁק! וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן אַן עֲבוֹדָה אִין עֲבוֹדַת ה' בִּפְרָט וֶוען עֶר ווִיל פָארְן צוּם צַדִּיק, שִׁיקְט מֶען אִים פוּן הִימְל שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְפִּירְן זַיין ווִילְן, אַזוֹי וֶועט זַיין רָצוֹן זִיךְ מֶערְן אוּן שְׁטַארְקְן צוּ דֶעם אוֹיסְגֶעבֶּעטֶענֶעם זַאךְ וָואס עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק טוּן.

סְ'אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ פוּן אֵיינֶעם וָואס ווִיל דַאוֶוענֶען הוֹיךְ אוּן לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ מַצְלִיחַ - עֶס פָארְט אִים גְלַאטִיג, פוּן אַ צְוֵוייטֶער וָואס סְ'גֵייט אִים בַּארְג אַרָאפּ, עֶס קוּמְט

המשך אויף זייט 4

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אהרן ארי' משה לייפער הי"ו
לע"נ אביו ר' טובי' אבגדור בן ר' אברהם צבי נפטר ט"ז שבט תשפ"ה

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב גאלדבערגער הי"ו
לרגל אירוסי הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר ישראל ברוין הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב